**וואָס עפּעס „שענקט אַ נדבֿה?״**

יאָ, מיר בעטן נדבֿות. ניט כּדי אויסצורעמאָנטירן אונדזער דב״י-פּאַלאַץ אָדער מאַכן פּליטה קיין בערמודע, נאָר וואָדען - צו פּרוּוון שאַפֿן עפּעס פֿאַר די וואָס האָבן ליב דאָס ייִדיש וואָרט. מיר וואָלטן געוואָלט שאַפֿן אַ דב״י ליטעראַרישע פּרעמיע. (דאָס שוין פֿאַראַנענע ליטעראַרישע פּרעמיעס פֿאַר ייִדיש-שרײַבערס זײַנען שטאַרק באַגרענעצט צו די וואָס וווינען אין ישׂראל. ניט וואָס מע האָט ניט ליב ישׂראל, נאָר ניט יעדער שרײַבער וווינט דאָרט!)

וואָס וועלן מיר טאָן מיטן געלט וואָס איר זײַט מנדבֿ? מיר וועלן אי״ה שאַפֿן אַ פּרעמיע כּדי צו באַלוינען די בעסטע ייִדיש-שרײַבערס ממש בכל מקום שהם – פֿרום צי פֿרײַ, וואָס דרוקן זיך אין בלאָגס צי אויף די שפּאַלטן פֿון „דער איד״. די ריכטערס וועלן מיר אויסקלײַבן אויב און ווען מיר זאָלן באַקומען גענוג אונטערשטיצונג פֿון דער לייענערשאַפֿט, נאָר זיי וועלן זײַן אויף ווי ווײַט מעגלעך אומאָפּהענגיקע מומחים אויף דער ייִד׳ ליטעראַטור הײַנט צו טאָג.

איר ווייסט מסתּמא אַז ביידע רעדאַקטאָרן זײַנען פֿרײַוויליק. מיר בעטן דאָס געלט ניט חלילה פֿאַר זיך אַליין, נאָר צו מוטיקן די ייִד׳ ליטעראַטור דורך אונדזער קליינעם זשורנאַלכל.

אַ דאַנק פֿאָרויס!